# פרשת וזאת הברכה - נח ד׳ תשרי – א׳ חשון תשע"ח לפ"ק

***יום שני פרשת וזאת הברכה א׳***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל אסיפת כינוס התעוררות לנשי קהלתנו ומוסדותנו הק׳, שהתקיים באולם פרדס פיגא, ונשא מדברותיו (תוכן הדרשה נדפס בגליון מיוחד).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הר"ר **יצחק** (בן הר"ר שלום הי"ו) **ווייס** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרב **שלום יוסף שענדארף** שליט"א (מלמד בת"ת בב"פ), שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

*

***יום שלישי פרשת וזאת הברכה א׳***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** אל עבר הבית החיים בעיר ניו דזשערזי, להתפלל ליד ציון אביו **כ"ק הגה"צ מסאמבאטהעלי זצוק"ל**. אחר היציאה מבית החיים ניגש **כ"ק האדמו"ר מבית יצחק ספינקא שליט"א** לברך ולהתברך בברכת השנה. – כמו כן ניגשו בחורי ישיבת 'זיו התורה' בהנהלת הרה"ג רבי **ישכר דוב געלבמאן** שליט"א לקבל ברכת הקודש.

משם המשיך **רבינו שליט"א** לבית החיים של קהלתנו הק׳ בניו דזשערזי, להתפלל אצל ציוני **כ"ק מרנן רבני קהלתינו זצוק"ל**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר בארא פארק, לבית הרבני הנגיד רבי **אהרן הערש עלבויגען** הי"ו, שם שהה משך שעה ארוכה לקבל את קהל אנשי שלומינו לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום רביעי פרשת וזאת הברכה א׳***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לבית הרבני הנגיד רבי **אהרן הערש עלבויגען** הי"ו, והמשיך לקבל את קהל אנ"ש לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום חמישי פרשת וזאת הברכה א׳***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **דוד ברוין** הי"ו. - בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **אברהם שמואל** (בן הר"ר יהודא הי"ו) **זינגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לכבוד השמחות, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב קיבל **רבינו שליט"א** קהל אנ"ש לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום שישי פרשת וזאת הברכה א׳ – ערב יום כיפור***

אחר אמירת סליחות קיים **רבינו שליט"א** מנהג כפרות. אחר סדר הכפרות הלך לבית השחיטה ובדק את החלף, ואחר השחיטה וכיסוי הדם בעפר התפלל **רבינו שליט"א** תפלת שחרית.

לפני התפלה הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **נתנאל צבי** נ"י בן הר"ר **ירמיה טעסלער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש – יום הכיפורים***

כחצי שעה אחר זמן הדלקת הנרות עלה **רבינו שליט"א** לפני הארון הקודש לדרשת כל נדרי, ובקול מעורר ובכי דיבר בגודל קדושת הזמן בעת כניסת יום הקדוש והנורא, השעות היקרות ביותר מכל ימי השנה, אשר צריך האדם להתבונן על מעשיו ולפשפש בהם, ולקבל על עצמו להתנהג בדרך הישר, ולנהל את ביתו בחמימות של קדושה לתורה ומצוות.

ואמרו חז"ל (שבת יב.) חייב אדם למשמש בבגדו ערב שבת עם חשיכה, וירמוז על ערב יום הכיפורים (הנקרא שבת שבתון) עם חשיכה להתבונן בלבושים שלו, הטלית נאה וחלוקא דרבנן הנעשים על ידי

מצותיו, ולשוב על חטאיו המטנפים בגדיו הרוחניים ולבושי נשמתו, וענין זה הוא הלכתא רבתי לשבת.

עוד נרמז בו למשמש עם חשיכה בכיסו, הכלים הטכנולוגיים הקטנים שנושאים בהכיס, אשר הם שורש פורה ראש ולענה, שכל דברים טמאים נמצאים בהם, ומכבה נר נשמתו ומורידו לבאר שחת, ומשנה את כל מהותו לסוג אחר לגמרי. וצריך לקבל על עצמו לעשות גדרים וסייגים, וגם לפרנסתו בפילטער היותר משומר, וגם זאת לא ישתמש בו בקביעות, רק לצרכיו ההכרחיים שלו. – והמשיך לעורר על קביעות עתים לתורה, וביותר בשיעורין כסדרן במסגרת שונות, ולהוסיף להשתתף גם אצל הבחינות המתקיימות מידי חודש בחודשו, שבזה יחזור תמיד על לימודו, ומחשבתו טרוד בתורה. – להוסיף אונים בעבודת התפלה בכוונה ובהשתפכות הנפש, ובמדת הצדקה בסבר פנים יפות ועוד.

ופנה בדברות קדשו להבחורי חמד, שיתבוננו בחשיבות שנותיהם הללו, אשר הם השנים היפים ביותר בחייהם, ויבוא יום שיתגעגעו על תקופה זו, וישקיעו ראשם ורובם בתורה, ללמוד מסכתא אחר מסכתא, להתגדל לתלמידי חכמים. ויהיו זהירים מלנגוע בכלי המשחיתים של הטעכנאלאגיע כי סופו אבדון ח"ו, ויקדשו עצמם בשמירת העינים כראוי, ואז יאיר להם בזה ובבא.

אחר הדרשה פתח **רבינו שליט"א** את הארון הקודש, ואמרו כל הקהל הוידוי בכניסת היום, אחר כך הוציא את הספר תורה, והתחיל באמירת פסוקי אור זרוע לצדיק וכו', פלגי מים ירדו עיני וכו'.

עם סיום תפלת ערבית ואמירת שיר היחוד למד **רבינו שליט"א** משניות פרק ב' ממסכת יומא. אחר כך זימרו כל הקהל יחדיו ניגוני 'כל מקדש' 'מנוחה ושמחה', ו'לא-ל אשר שבת', לרגל יום שבת קודש. אחר כך נכנס **רבינו שליט"א** לחדרו בבית המדרש, וכבקרת רועה עברו קהל הנוכחים לברכת הקודש אשר על ראשם יצור.

אשרי עין ראתה פרישת כהן ברשם צועק אנא השם, בעבודת היום בתפלת המוספין וסדר העבודה בהשתפכות הנפש, ותפלת נעילה ברשפי אש קודש, הלא למשמע אוזן תאבה נפשנו. אחר תפלת מעריב יצאו כל הקהל לקדש הלבנה בשמחה ובטוב לבב, כשממשיכים עוד בריקודים 'אשרי העם שככה לו' ברוב חדוה והתרגשות.

*

***יום ראשון פרשת וזאת הברכה ב'***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **עקיבא שפירא** הי"ו (בן הרה"ג **רבי פנחס שפירא** שליט"א רב דביהמ"ד סאדיגורא, ת"א), שהתקיים באולם רענסאנס.

אחר הפדיון הבן עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **אביגדור בלומענפעלד** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר תפלת ערבית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **ירמיה טעסלער** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדיים.

*

***יום שני פרשת וזאת הברכה ב'***

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** לחיים לרגל האירוסין של הבחור החתן **משה מאיר בראדי** נ"ו, בן הר"ר **חיים ברוך בראדי** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ישראל יהודא גראסבערגער** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי הכיתה ח' של התלמוד תורה בוומסב"ג (כיתה של הרב **אברהם צבי וואזנער** שליט"א) להבחן על מסכת מכות שלמדו בשנה זו.

*

***יום שלישי פרשת וזאת הברכה א'***

לפני התפלה הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **משה יוסף המבורגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר תפלת ערבית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל בני **הגה"צ רבי משה ראטענבערג זצ"ל** אב"ד וואוידיסלאוו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **משה יוסף המבורגער** הי"ו, שהתקיים באולם פערעדייס מענאר.

*

***<u>יום ב' דסוכות</u>***

בליל יום טוב שני התקיים שמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשינו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגוני החג השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני החג.

*

***<u>מוצאי שבת קודש – ליל ב' דחוה"מ סוכות</u>***

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בשמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשנו ברכת אברהם. אחר שזימרו זמירות מוצאי שבת וניגונים לכבוד החג, השמיע **רבינו שליט"א** דברים נפלאים בעניני החג. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו ברכת אברהם.

*

***<u>יום ראשון – ב' דחוה"מ סוכות</u>***

אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של זקינו **הגה"ק רבי חיים יהודא דייטש זצוק"ל** דומ"ץ מאקאווא. הבחור בנש"ק **חיים מאיר כ"ץ** ני"ו עשה סיום מסכתא, **ורבינו שליט"א** אמר קדיש, וחילק מזונות לקהל הנוכחים.

בשעות הלילה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הריקודין של שמחה לכבוד החג, שהתקיים בבית מדרשנו.

אחר כך התקיים שמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשנו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגונים לכבוד החג, השמיע **רבינו שליט"א** מדברותיו בעניני החג. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**.

***<u>יום שני – ג' דחוה"מ סוכות</u>***

בשעות הלילה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הריקודין של שמחה בבית מדרשנו. אחר כך התקיים שמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשנו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגונים לכבוד החג, השמיע **רבינו שליט"א** מדברותיו בעניני החג.

*

***<u>יום שלישי – ד' דחוה"מ סוכות</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אלי' בריעגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובמוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך עלה **רבינו שליט"א** לביקור חג אצל אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו** (בתגובה על שנכנס באמצע סעודת החג): איך האב געזען פונעם **סאטמארער רב זצ"ל**, אז ווען די אלטע בית המדרש איז געווען אויף בעדפארד עווניו, האבן די בחורים געגעסן אינעם בעיסמענ"ט, און די בית הכסא'ס זענען אויך געווען אונטען. אמאל האט ער געדארפט אדורכגיין, און עס איז שוין געווען מיטאג, און די בחורים זענען געזעסן און מען האט געגעסן, ווען ער איז אדורכגעגאנגען האט זיך יעדער אויפגעשטעלט, און מען האט זיך אפגעשטעלט פון עסן. האט ער געזאגט, אז ער איילט זיך ארויסצוגיין, ווייל ער וויל נישט זיין א זקן המעכב את האכילה (עיין שו"ע או"ח סימן תקנ"א סעיף י"ג).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דארפסט זיך נישט איילן. איך האב יעצט געקוקט אין דעם וואס מען האט יעצט געדרוקט פון דעם **מונקאטשער רב זצ"ל** וואס ער האט געזאגט ביי די הושענות תרפ"ט.

**רבינו:** ער פלעגט צו זאגן תורות אזוי ווי דער **סאטמארער רב**?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** יא.

**רבינו:** פון ווי נעמט זיך דאס? וואו איז דער מקור פון דעם מנהג?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **קול אריה זי"ע** האט אויך געזאגט תורה ביי די הושענות. ער איז דעמאלטס נישט געזונט געווארן, ער האט געהאט דעם הארץ אטאקע אינמיטן די הושענות (ונפטר ביום אסרו חג סוכות תרמ"ד לפ"ק). דער **קלויזענבורגער רב זצ"ל** האט אויך געזאגט, אבער ער האט געזאגט קורצע זאכן.

טייטשט דער **מונקאטשער רב**, הושענא בית הבחירה, אז דער זיידע, דער **שם שלמה זצ"ל**, האט געזאגט, אז היינטיגע צייטן איז נישט דא קיין בחירה. בחירה וואלט ווען געווען, ווען עס וואלט גוט געגאנגען פאר ערליכע יודען, און עס וואלט גוט געגאנגען פאר די רשעים, וואלט געווען א בחירה וועלכע וועג ער זאל אויסוועלן, אבער ווען פאר דעם רשע גייט שטענדיג גוט, און ער איז מצליח, און די ערליכע יודען זענען שטענדיג נישט מצליח, איז כמעט נישט דא קיין בחירה, אוודאי וויל ער ענדערש מצליח זיין. אזוי האט געזאגט דער זיידע. זאגט ער, ווען א יוד האט הרחבה, האט ער א ווארט אינעם שטוב, און ער קען זאגן א דעה, ווי אזוי מען זאל גיין אנגעטון. אבער טאמער ער האט נישט מיט וואס צו קומען, פאלען די קינדער, זיי זעהן דאך ווי אזוי מען קוקט אויס בשפל המצב ווען מען גייט אויפן ערליכען וועג, און טאמער מען ווערט מאדערן, קען מען מער מצליח זיין. 'הושענא', דער אייבערשטער זאל העלפן, 'בית הבחירה', אז אין הויז זאל מען האבן א בחירה. אז מען וועט האבן גוטס וועט מען קענען האבן א בחירה, און מען וועט קענען מגדל זיין די קינדער. אזוי האט דער **מונקאטשער רב** געטייטשט, הושענא בית הבחירה.

**רבינו:** אז עס וועט זיין א בחירה אין שטוב, וועט עס זיין א ערליכע שטוב, און דעמאלטס וועט מען זוכה זיין צו הושענא בית הבחירה, אז דער בית המקדש וועט אויפגעבויט ווערן.

*

**רבינו:** איך האב געזען דעם יום טוב א יוד וואס האט געזאגט הלל, און די גאנצע צייט פון הלל האט ער געשאקעלט מיט די אתרוג און די לולב. דו האסטו געהערט פון אזא מנהג?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ניין. עס איז דאך דא א משנה (סוכה לז:), והיכן היו מנענעין וכו', וואו האט מען מנענע געווען, ביי אנא ה' הושיעא נא וכו', איז דאך משמע, אז אין די צייט וואס מען האט געזאגט הלל, האט מען נישט מנענע געווען. רבי עקיבא האט געזאגט צופה הייתי ברבן גמליאל ורבי יהושע שכל העם היו מנענעין את לולביהן, והן לא נענעו אלא באנא ה' הושיעא נא. און אויב מען האט געשאקעלט די גאנצע צייט, וואס מיינט דאס צופה הייתי וכו'. - קען זיין, בפשטות מיינט טאקע, אז זיי האבן נישט געמאכט צו די זייטן וכדומה, דאס מיינט והם לא נענעו אלא וכו'.

**הרה"ג רבי יהושע:** איך מיין אז מיין זיידע (כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א) שאקלט אפאר מאל אינמיטן זאגן הלל.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך בין נעכטן געווען דארט ביי די נענועים, און איך האב געזען ווי ער שאקלט, און איך האב מסופק געווען צו עס איז בכוונה. איך בין געווען אסאך מאל ביי דעם **באבובער רב, רבי שלמה'לע זצ"ל**, ער האט אויך אסאך מאל אינמיטן הלל סתם געגעבן א שאקל מתוך התלהבות.

**רבינו:** קען זיין, אז ער וואלט בכל אופן געמאכט מיט די הענט, און אז ער האט די אתרוג מיט די לולב, שאקלט ער די לולב.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב אויך געזען נעכטען ביים **מונקאטשער רב שליט"א**, אז איידער ער הייבט אן צו שאקלען צו דרום, האט ער קודם געשאקלט אויפן פלאץ א האלבע מינוט, און נאכדעם האט ער זיך געדרייט צו דרום זייט. אלע פיר מאל איז אזוי געווען.

**רבינו:** ווען דער **סאטמארער רב זי"ע** האט מאריך געווען מיט די נענועים, האט ער געשאקלט נאר דריי מאל אהין און צוריק, אדער מערערע מאל.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער האט די גאנצע צייט געשאקלט אהער און אהין, אן א חשבון. אמאל האט ער עס געמאכט פופצן מאל, אמאל מער. ווען איך בין געווען א בחור האב איך געציילט, עס איז נישט געווען אייניג, וויניגסטענס פופצן מאל, און עס איז נישט געווען דומה איינס צום צווייטן.

**רבינו:** עס איז דא א שיין ווארט פון **רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל**, אז רבי עקיבא האט געזאגט, צופה הייתי אז אלע האבן מנענע געווען באנא ה' הושיעה נא ובאנא ה' הצליחה נא, און זיי האבן נאר מנענע געווען ביי אנא ה' הושיעא נא. האט ער געפרעגט, וואס איז דער צופה הייתי, דער גאנצער בית המדרש האט דאך געזען?! צופה הייתי איז דאך דער טייטש אז ער האט געקוקט מיט א התבוננות. און נאכדעם, אין א בית המדרש טוט מען אנדערש פון דעם גאנצן עולם? זאגט ער, אז זיי האבן געשאקלט די גאנצע צייט, ביי אנא ה' הושיעא נא און ביי אנא ה' הצליחה נא, אזוי ווי יעדער. אבער צופה הייתי, אז זיי האבן נישט 'געזאגט' אנא ה' הצליחה נא, זיי האבן נאר אזוי לאנג מאריך געווען ביי אנא ה' הושיעא נא, ביז דער גאנצער עולם האט געענדיגט אנא ה' הצליחה נא. צופה הייתי אז דער גאנצער עולם האט מנענע געווען ביי אנא ה' הושיעא נא ובאנא ה' הצליחה נא, אבער זיי האבן נישט געזאגט אנא ה' הצליחה נא. נאר זיי האבן מאריך געווען ביי אנא ה' הושיעא נא ביז דער גאנצער ציבור האט געענדיגט אנא ה' הצליחה נא.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** זיי זענען נישט געווען קיין היינטיגע חסידים. היינט וואלט שוין דער גבאי ערלעדיגט, אז דער גאנצער עולם זאל ווארטען ביז דער רבי ענדיגט אלעס. עס איז א חוצפה, אז מען הייבט שוין אן אנא ה' הצליחה נא, ווען דער רבי האט נאכנישט געענדיגט, און ער האלט נאך אינמיטן אנא ה' הושיעא נא...

**רבינו:** אין די הקדמה פון **הליכות שלמה**, ברענגען זיי צו דעם ווארט, און זיי שרייבן אז דאס ווארט איז פאסיג פאר **רבי שלמה זלמן**, זיין מהות איז אזוי געווען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז דא א ספר **אור השנים**, פון **רבי אריה לייב קעניגסבערג זצ"ל** [אין די **הגדה חודש האביב**, איז צוגעברענגט פון אים די נוסח פון לשם יחוד], ער איז געווען א איש קדוש, און א גרויסער בעל מקובל. דער גאנצער ספר איז געשטעלט אויף הויכע כוונות, אזוי ווי דער **רש"ש** וכדומה. דארט אין דעם ספר איז געדרוקט א בריוו פון דעם **רבי ר' יונתן אייבשיץ זצ"ל**, וואס ער האט געשיקט צו דעם **רבי אריה לייב קעניגסבורג** [דער **חזון איש** איז געווען זיינס א אייניקל, די קרליץ משפחה האבן געשטאמט פון דער רבי אריה לייב]. **רבי אריה לייב** האט אים אנגעפרעגט, אזוי זעהט אויס פון די תשובה, אז ער האט גרויסע פראבלעמען מיט מכוון זיין די כוונות, ווענן דעם עולם און דער שליח ציבור וואס ווארט נישט. און רבי יונתן ענטפערט אים, דו זאלסט וויסן אז איך האב אויך דעם פראבלעם, און איך בין מכוון די כוונות, אזוי אז ווען דער עולם ענדיגט עלינו, האב איך נאכנישט געענדיגט די שמונה עשרה. [און דאס איז די ערגסטע], ואף שהצעירים ישחקו ממנו, אסאך לאכן פון מיר, מאך אין מיך נישט צו טון דערפון, דאס איז דער בעסטער וועג. אזוי אויך דו מאך זיך נישט צו טון, טו דאס דייניגע, און פרעג נישט קיינעם. - אין די היינטיגע צייטן איז נישט דא דער מושג, דער הייליגער **רבי ר' יונתן** האט מען געלאכט אויף אים. - און ער שרייבט, אז ראש השנה איז דא אזעלכע כוונות, אז דער עולם גייט שוין אהיים, און איך האלט נאך אינמיטן די שמונה עשרה. - אמאל האט מען נישט געפרעגט קיין שאלות, ווען דער עולם האט אויסגעטרעטען, האט דער שליח ציבור אנגעפאנגען. היינט איז שוין כבוד התורה אסאך מער, עס איז טאקע נישט דא דער כח התורה, אבער דער כבוד התורה איז אסאך מער נתעלה געווארן ווי עס איז געווען אמאל. מסתמא אויך ווייל עס איז דא היימישע חסידישע יודען, און אמאל איז געווען א גאנצע ציבור פון פראסטע יונגען, און מען האט נישט געקענט אלעס טון וואס מען האט געוואלט. היינט האט יעדער איינער זיין ענגער קרייז, קען ער עס אויסשטעלן ווי אזוי ער וויל.

**רבינו:** מען געפונט ביי רבי עקיבא אז ווען ער האט געדאווענט בציבור האט ער מקצר געווען דאס דאווענען (ברכות לא.).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך ווייס נאך נישט ווי לאנג דער מקצר ועולה האט גענומען.

**רבינו:** אבער על כל פנים השתחוויות האט ער נישט געמאכט.

איך האב געזען פון **רבי יצחק ווייס זצ"ל**, דער **ווערבוי'ער רב**, אז ביי דעם כהן גדול שטייט (יומא נב:), אז ווען ער איז ארויסגעקומען פונעם

קדשי קדשים האט ער מתפלל געווען א תפלה קצרה, ולא היה מאריך בתפלתו, שלא להבעית את ישראל? וואס איז דער דאפעלטער לשון, ומתפלל תפלה קצרה, ולא היה מאריך בתפלתו. עס וואלט געדארפט שטיין, היה מתפלל תפלה קצרה שלא להבעית את ישראל. זאגט ער, אז מען קען אמאל דאווענען א קורצע נוסח התפלה, און מכוון זיין דעריין שעות ארוכות. עס קען זיין אז ער האט געדאווענט א תפלה קצרה, און אין די תפלה קצרה האט ער געקענט זיצען א שעה צוויי און מכוון זיין דעריין. האט ער געזאגט, אז ער האט ביידע געטון, ומתפלל תפלה קצרה, ולא היה מאריך בתפלתו, אין די תפלה קצרה אליין, האט ער עס נאר אפגעזאגט, און ער האט נישט מאריך געווען אין די כוונה, שלא להבעית את ישראל.

און די זאך פאר זיך אליין איז א פלא, איינמאל אין יאר, וואס ער קען דאווענען אין קדשי קדשים, און אויסבעטען פארן גאנצן כלל ישראל, איז געווען ביי אים חשוב'ער שלא להבעית את ישראל.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ביי משה רבינו געפונט מען אויך אז ער האט נאר מתפלל געווען א-ל נא רפא נא לה (במדבר יב-יג).

איך האב געטראכט א דבר נכון, איך מיין אז עס ברויך שוין צו שטיין. דער כהן גדול איז דאך אויך אריינגעגאנגען להוצאת כף ומחתה. וועגן דעם האט ער געמוזט אריינגיין נאכאמאל אין קדשי קדשים? עס איז דאך געווען א גרויסע אונטערנעמונג אריינצוגיין, מען האט דאך געקענט דארט ערלעדיגט ווערן, און אסאך מאל האט מען געדארפט ארויסציען דעם כהן גדול. פארוואס האט ער געדארפט אריינגיין נאכאמאל ארויסצונעמען די כף ומחתה, דער אייבערשטער וואלט דאך געקענט זאגן, אז מען זאל עס תיכף ארויסטראגן. נאר עס איז געווען א קונץ, ווי מען זאגט, פון א אונטער טיר. דער בעל דבר האט זיך דאך פארלייגט אויף דעם כהן גדול, און עס זענען שוין געשטאנען אויבן אלע מקטריגים, און זיי האבן שוין געזען וואס מען קען טון אריינצוברענגען עפעס פראבלעמען ער זאל נישט קענען מכוון זיין ביי די תפלה ווי עס דארף צו זיין. האט דער אייבערשטער געוואלט געבן א מעגליכקייט פאר דעם כהן גדול, אז טאמער עס איז עפעס נישט געווען תפלתו שגורה בפיו, האט דער אייבערשטער געמאכט, אז מען זאל שפעטער קענען אריינגיין נאכאמאל, אן א עבודה, ער קומט אריין ארויסצונעמען די כף ומחתה, און דארט וועט זיך שוין קיינער נישט אומקוקען, און דארט האט ער שוין געקענט מאריך זיין בתפלה, ווייל מען האט שוין נישט געוואוסט פונקטליך ווען ער גייט אריין. און ביי די צווייטע מאל וואס ער איז אריינגעגאנגען, האט ער געקענט משלים וואס ער האט פארפאסט די פאריגע מאל.

דער **טאטע ז"ל** פלעגט שטענדיג נאכזאגן פונעם זיידען, דער זיידע פלעגט זאגן בדרך צחות, אז מען זאל אוועקפאקן די זאכן וואס איז נישט אויפן פלאץ. פלעגט ער זאגן, 'הוצאת כף ומחתה איז אויך א עבודה'. נאר אויף אוועקצופאקן די כף מיט די מחתה, האט זיך אויך געלוינט אז דער כהן גדול זאל אריינגיין אין קדשי קדשים. מען מוז אוועקפאקען, עס קען נישט זיין אנגעלייגט כסדר.

**רבינו:** נו, זאלן מיר האבן א פרייליכען און לוסטיגען יום טוב אי"ה. און א גוט געבענטשט יאר, און א גוט קוויטל.

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**רבינו:** דאס איז דעם טאטנ'ס בעכער?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** יא, עס איז פונעם זיידען (**הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**). דער זיידע האט עס געמאכט פון פדיון הבן געלט.

**רבינו:** לחיים טובים ולשלום, דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זיין געזונט און שטארק, און מען זאל קענען מרביץ תורה זיין מיט נחת און הרחבת הדעת, און נחת ביי די קינדער, און א שנה טובה ומתוקה אי"ה אין אלע ענינים.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אמן. ביי דיר אויך, דו זאלסט זיין געזונט און שטארק, מיט נחת, און הרחבת הדעת לעבודתו יתברך.

**רבינו:** אמן. מיר זאלן זיך צוזאמקומען אויף שמחות.

*

**הגה"צ מסערדאהעלי** (כשעמד לצאת מהסוכה לקיים מצות לויה): איך האב געטראכט דעם יום טוב, ווען מען עסט די סעודה אליין אין די סוכה, און

מען דארף עפעס נעמען פון שטוב אינמיטן די סעודה, צו עס איז ראוי אז מען זאל נישט ארויסטרעטן פון די סוכה ביז נאך די סעודה. די אושפיזין זענען דאך אין די סוכה [אויב מען האלט אז זיי קומען צו אזעלכע פראסטע יודען, די וועלט האלט דאך אזוי, אז זיי קומען צו יעדן יוד], נו, ווי אזוי גייסטו ארויס, און דו לאזט די אושפיזין אליין אין די סוכה? עס שטייט ביי הלכות סעודה (או"ח סימן קע"ח) אז אויב מען האט איבערגעלאזט מקצת חברים איז גוט, ווייל דעמאלטס קומט מען צוריק. אבער טאמער ער איז איינער אליין, און ער גייט ארויס, פאסט עס נישט אזוי. אברהם אבינו וועט שטיין און ווארטען ביז ער וועט צוריקקומען?!

**רבינו:** ער וועט אים באגלייטן אריין אין שטוב.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** כאטש עס איז נישט מבואר ווי לאנג זיי זענען אין די סוכה. די וועלט האלט אז זיי זיצען די גאנצע סעודה. ווייס איך אויך נישט, אפשר קומען זיי אויף א רגע, [עס איז אויך א גרויסע זאך], זיי קומען אריין יעדן טאג, און זיי זאגן גוט יום טוב, און פארטיג.

**רבינו:** שבת זאגט מען דאך אויף פאר די סעודה צאתכם לשלום.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** די וועלט טייטשט בצאתכם לשלום, ווען עס וועט זיין צאתכם. עס איז נישט דער פשט, אז מען שיקט זיי אוועק תיכף פאר קידוש (עיין **במחצית השקל** סימן רס"ב).

**רבינו בצחות:** מען וויל נישט אז זיי זאלן זעהן ווי אזוי דער שבת טיש קוקט אויס.

**א' מהנוכחים:** דער **מגן אברהם** (סימן רס"ב סק"א) זאגט, אז מען זאל נישט ווארפען זאכן אין שטוב, ווייל דער מלאך טוב וועט ארויסגיין.

**רבינו בצחות:** נו, לאז נישט איבער די אושפיזין.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דא זעהן זיי דאך, אז איך באגלייט לכבוד התורה.

*

***יום רביעי – הושענא רבה***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אהרן** (בן הר"ר **חיים צבי** הי"ו) **וועכטער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. - אחר הברית נגשו קהל רב מאנ"ש לקבל עלי הערבה מידו של **רבינו שליט"א**.

***ימי שמיני עצרת ושמחת תורה***

הימים האחרונים של חג בצל קדשו של **רבינו שליט"א** היתה חטיבה אחת של התרוממות הנפש, ושמחה וחדוה עילאה בה' ובתורתו הקדושה, הדרא דלא אפשר למיפרט בשפוותא.

בלילי החג אחר תפלת מנחה השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש, ודברי הכנה והתעוררות בגודל קדושת היום אשר עם בני ישראל שמחים בה', ועיקר השמחה הוא אשר בחר בנו מכל עם, ואנחנו עם הנבחר לעשות נחת רוח לפניו ית"ש בקיום מצותיו, ולמיעבד ליה רעותיה בכל עת ועונה.

בליל שמחת תורה נשא **רבינו שליט"א** מדברותיו בדברי אגדה המושכים את הלב, לבאר מקראי קודש שבנביאים שמתאר איך שדוד מלך ישראל היה מפזז ומכרכר בכל עוז בהעלותו את ארון ברית ה', ודיבר בגודל מעלת העמלים בתורה, וגם המחזיקים בידם ללמוד מתוך הרחבה.

*

אחר תפלת מעריבית ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה לאמירת פסוקי אתה הראת וכו', וערך את סדר ההקפות בלהט קודש, כאשר קהל הקודש אותו כחומה מסבבים, ולצדם בחורי חמד וילדי צאן קדשים על מקומותיהם במעלות ההיכל, (שנערך באופן מחודש ומרווח לתועלת הציבור), כולם רוגשים ומתרוממים בעוז ותעצומות, בעת אשר בו ירוץ צדיק ונשגב בעבודה עילאה, לשוש ולשמוח בשמחת התורה.

מה נהדר היה מראה כהן גדול בריקודין הנלהבים, כאשר **רבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז. ובריקודין עילאין בניגוני 'ואמר ביום ההוא הנה אלקינו זה וכו', 'יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשינו בישועתך באמת', 'וידעו כי אתה שמך ה' לבדך', 'אנא עבדא דקודשא בריך הוא'. ובספר תורה הכרוך בזרועו מנענע לצידי ההיכל בהקפה השישית. בעוד שבין ההקפות מושרים ניגוני דביקות והתעוררות, בגעגועי אהבה להשי"ת, ובפרט ברגשי בכי והתעוררות בשירת והערב נא, כי לה' המלוכה וכו', אשרי עין ראתה כל אלה.

בהקפות האחרונות בלילי שמיני עצרת ושמחת תורה, רקד **רבינו שליט"א** עם מאות ילדי התשב"ר צאן קדשים, בעוד שהציבור מזמרים ומטפחים במחיית כפיים, בתפלת 'זרעא חיא וקיימא זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אורייתא'. וביום שמחת תורה בהקפה השביעית רקד **רבינו שליט"א** עם בחורי אנ"ש בניגון 'וטהר לבנו לעבדך באמת', והשירה התגברה בריקוד נלהב ומרומם, כאשר **רבינו שליט"א** מזמר הניגון 'אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל' (בניגון מירון), וכל הקהל עונים אחריו פיסקא בפיסקא בשמחה ובהתרוממות הנפש. אחר כל ההקפות ביום ובלילה בירך **רבינו שליט"א** את כל הקהל בפסוקי 'ברכת כהנים' באהבה ובקול רם, ואמר כל העם אמן הללוי-ה.

עם סיום ההקפות ביום שמחת תורה עלה **רבינו שליט"א** לתורה בקריאת פרשת וזאת הברכה, ואחר הפסקה קצרה לקידוש היום, התקיים קריאת החתנים בבית המדרש. **רבינו שליט"א** עלה ל'חתן תורה' כנהוג.

*

***שבת קודש פרשת בראשית***

בליל שבת בלכה דודי רקדו כל הקהל בבית המדרש כנהוג בקהלתנו הק'.

אחר תפלת מוסף התקיים 'חתן בראשית קידוש' על ידי הר"ר **קלמן יואל סופר** הי"ו (ק"י), שעלה לחתן בראשית בבית מדרשנו.

בשעות הערב נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודה שלישית - סעודת נעילת החג. אחר שזימרו ניגוני שלש סעודות, המשיכו בניגוני התעוררות ודביקות של ימים הנוראים, מה יפו פעמיך בנעלים.

בתוך הדברי תורה השמיע **רבינו שליט"א** דברים נפלאים בקישור סוף התורה לתחלתה, ובמעלת משה רעיא מהימנא שגם אחר מיתתו השיב לו הקב"ה את הנפש שיוכל להשלים התורה בח' פסוקים האחרונים, וזכותו עומדת לכלל ישראל לעולמים.

**רבינו שליט"א** המשיך בגודל מעלת חיי האדם, שיפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים מכל חיי העולם הבא, ולנצל הימים בתורה ובתיקון המעשים, בתפלה בכוונה ובהתלהבות, ולגמול חסד ולהטיב לזולתו.

וסיים דבריו ברגש ובברכה שנוכל ליקח אתנו את השפעת החג, והקב"ה ימלא משאלותינו במשך השנה הבא עלינו לטובה ולברכה, ויהיו דברי אלה אשר התחננתי לפני ה' קרובים אל ה' אלקינו יומם ולילה, לעשות משפט עבדו ומשפט עמו ישראל דבר יום ביומו, עדי נזכה לבנין ציון וירושלים אמן.

אחר אמירת דברות קודש ניגנו הניגון 'בספר חיים'. אחר ברכת המזון עמד **רבינו שליט"א** בריקוד בניגון 'וימלא משאלותינו', 'לשנה הבאה בירושלים'. אחר כך קיים **רבינו שליט"א** מנהג זריקת התפוחים לכל קהל הקודש, וחילק אגוזים כנהוג.

*

***יום ראשון פרשת נח***

לפני התפלה הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אביגדור בלומענפעלד** הי"ו, ולבן הר"ר **ישראל מאיר קליין** הי"ו (לעיקוואד). אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מנחה בבית המדרש סאמבאטהעלי. אחר התפלה נסע לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.

# שיחות ודברות קודש לפרשת לך לך משנת תשע"ג לפ"ק

## במסיבת תנאים של הר"ר אייזיק פריעדמאן נ"ו
## עם בת הר"ר דוד אלחנן האפפמאן ע"ה

יום א' פרשת לך לך תשע"ג לפ"ק

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט געהייסען פאר אברהם אבינו, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך, און דער באשעפער האט אים צוגעזאגט, ואעשך לגוי גדול ואברכך ואגדלה שמך, והיה ברכה (בראשית יב-א), אויב ער וועט פאלגן, וועט אים דער אייבערשטער געבן אלע טובות עולם הזה. די גמרא (בבא קמא צז:) דרש'נט אויף ואגדלה שמך, אז אברהם אבינו האט זוכה געווען, אז ער האט ארויסגעגעבן א מטבע, און אויף די מטבע של אברהם אבינו איז געווען בחור ובתולה מצד אחד, און א זקן וזקנה פון די אנדערע זייט. אין די מפרשים שטייט, אז די זקן וזקנה זענען געווען א בילד פון אברהם און שרה, און דער בחור ובתולה זענען געווען יצחק און רבקה. וואס איז דער ביאור דערפון, אז אויף די מטבע פון אברהם אבינו איז געווען א זקן וזקנה און א בחור ובתולה. עס קומט מן הסתם צו לערנען א מדה פון אברהם אבינו, וואס מען דארף זיך אפלערנען דערפון לדורות, און וועגן דעם האט ער געמאכט די מטבע אויף דעם וועג.

**מען** געפונט ביי אברהם אבינו, אז די תורה (בראשית יח-יט) זאגט, כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, ושמרו דרך ה'. די אהבה וואס דער אייבערשטער האט געהאט צו אברהם אבינו איז נישט געווען אויף דעם אליין, אז אברהם אבינו האט עומד געווען בעשרה נסיונות, ער האט זיך געלאזט אריינווארפן אין אור כשדים פארן אייבערשטען. נישט דאס איז געווען די עיקר אהבה וואס דער באשעפער האט ליב געהאט אברהם אבינו. נאר כי ידעתיו, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה'. אברהם אבינו האט זיך נישט באגענוגנט מיט דעם, אז ער אליין האט געדינט דעם אייבערשטען, נאר אברהם אבינו האט געזען צו ערציען אזעלכע דורות וואס וועלן אויך גיין אויף דעם זעלבן וועג. און דאס איז געווען די אהבה, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה'.

**אין** מדרש (ב"ר לט-ט) שטייט, אז דער אייבערשטער האט מנסה געווען אברהם אבינו מיט דעם נסיון פון 'לך לך' מארצך וממולדתך, און שפעטער, דעם לעצטן נסיון, דער נסיון פון די עקידה, האט דער אייבערשטער אויך מנסה געווען מיט דעם לשון 'לך לך'. און דער מדרש זאגט, אז די נסיון פון די עקידה איז געווען א העכערער נסיון פון די נסיון פון לך לך מארצך. און בפשטות איז אויך אזוי, יעדער נסיון איז געווען מיט א מדריגה העכער פון דעם פריערדיגען נסיון. און אז דאס איז געווען א שווערער נסיון, איז דאך דער טייטש אז מען האט אים מנסה געווען מיט א זאך וואס איז געווען העכער פון פריער. וואס ליגט אין דעם נסיון פון די עקידה, א העכערער נסיון פון דעם וואס אברהם אבינו האט זיך שוין געלאזט אריינווארפען אין אור כשדים פארן אייבערשטענס וועגן, אז יעצט האט אים דער אייבערשטער געהייסען קח נא את בנך את יחידך והעלהו לעולה. וואס ליגט אין דעם א העכערער נסיון פון דעם נסיון וואס אברהם אבינו איז שוין אדורכגעגאנגען.

**דער** אייבערשטער האט געוואלט מיט דעם ווייזען, אז דער נסיון פון אברהם אבינו, די גרויסקייט פון אברהם אבינו וואס פירט זיך ערליך, איז נישט נאר דאס אז ער אליין פירט זיך ערליך, נאר א יוד דארף איבערגעבן זיינע מדות, זיין ערליכקייט, דארף ער איבערגעבן פאר זיינע דורות. אויפשטעלן אזא קינד, וואס זיין קינד זאל אויך זיין מוכן זיך מקריב צו זיין פארן אייבערשטען. דאס ווייזט אויף די

גרויסקייט פון אברהם אבינו. דער לעצטער נסיון פון אברהם אבינו איז געווען, אז ער האט איבערגעצייגט, אז נישט נאר 'ער' איז גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פארן באשעפער, נאר ער האט אויפגעשטעלט אזא דור, וואס די קינדער זענען אויך גרייט אויף מסירת נפש, און דאס האט געוויזען אויף די גרויסקייט פון אברהם אבינו. דאס איז דער העכסטער נסיון, אז די ערליכקייט גייט אריבער פאר די דורות שפעטער, איז א סימן אז די ערליכקייט איז געווען אמת'דיג. ווייל אויב נישט, האט עס נישט קיין כח אז עס זאל אריבערגיין שפעטער פאר די דורות.

**אברהם** אבינו'ס מטבע וואס ער האט אויסגעלערנט מענטשען איז געווען, אז דער בחור ובתולה דארפן זיין אויף די זעלבע מדריגה, ווי דער זקן וזקנה. די זעלבע מטבע וואס האט אויף איין זייט דעם בילד פון אברהם און שרה, אויף די זעלבע מטבע דארף אויך צו זיין יצחק מיט רבקה. אויב מען קען נישט צוזאמשטעלן אויף די זעלבע מטבע אז יצחק מיט רבקה זאלן אויסזעהן אזוי ווי דער זקן וזקנה, איז א סימן אז די עבודה איז נאכנישט בשלימות. די עבודה פון א יוד איז, אז עס זאל קענען זיין צוזאמען, דער זקן וזקנה אויף איין זייט, און דער בחור ובתולה פון די אנדערע זייט.

---

## בהלויה של האשה החשובה מרת רחל מרים (בת רבי דוד) דייטש ע"ה

(אלמנת הר"ר יוסף בנימין זאב דייטש ע"ה)

יום א' פרשת וירא - י"ב חשון תשע"ג לפ"ק

---

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך (בראשית יב-א), די נסיון פון אברהם אבינו איז געווען, אז ער האט איבערגעלאזט די שטוב, און די עלטערן, און ער איז אוועקגעגאנגען אויף א נייעם מקום, וואס דער אייבערשטער האט אים געוויזען, ער זאל אנקומען קיין ארץ כנען.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז דאס איז א רמז פאר יעדן מענטש. ווען מען קומט אראפ אויף די וועלט, האט יעדער יוד א תפקיד וואס ער דארף אויפצוטון אויף דעם עולם, כי הולך אדם אל בית עולמו (קהלת יב-ה), יעדער טאג וואס עס גייט אדורך פונעם לעבן, גייט א מענטש צו, מיט א טאג נענטער צו דער מקום וואו דער מענטש קומט אן צום סוף. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז), דאס גאנצע לעבן פון א מענטש איז נאר א דורכגאנג, כדי ער זאל קענען אנקומען אין דעם טרקלין, וואס דאס איז דער ריכטיגער וואוינונג, וואס א מענטש גרייט זיך צו מיט מצות און מעשים טובים אויף די וועלט.

**דאס** איז דער לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, עס קומט די צייט וואס א מענטש דארף איבערלאזן דעם ארצך, דעם מולדתך, דעם בית אביך, און ער גייט אל הארץ אשר אראך, צו דער ארץ העליונה וואס דער אייבערשטער ווייזט אן פארן מענטש. און דאס איז לך לך להנאתך ולטובתך, דער גאנצער תכלית פונעם לעבן איז נאר, אז מען זאל קענען צוקומען צו דעם.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, ואברכך ואגדלה שמך והיה ברכה, און ווי רש"י זאגט, זה שאומרים אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב. יכול יהיו חותמין בכולן, תלמוד לומר והיה ברכה, בך חותמין, די חתימה איז נאר מגן אברהם. די רמז דערפון איז, על שלשה דברים העולם עומד, דער תפקיד פון א מענטש אויף די וועלט איז איינגעטיילט אין דריי חלקים, תורה, עבודה, און גמילות חסדים (אבות א-ב). עס איז דא איינער וואס זיין עיקר ארבעט אויף דעם עולם איז אין תורה. עס איז דא אזעלכע יודען וואס דער אייבערשטער שטעלט זיי אויס אין עבודה, דאס איז זייער תיקון אויף דעם עולם. די דריטע וועג איז גמילות חסדים, וואס יעדער איינער קען צו דעם

צוקומען. דורך דעם וואס מען טוט חסד איינער מיטן אנדערן, דאס איז דער שלימות וואס א יוד קומט צו. און דאס איז דער אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב, אז דער אייבערשטער טוט מייחד זיין שמו אויף די בחינה פון אברהם, און אויף די בחינה פון יצחק, און די בחינה פון יעקב. יעקב איז געווען דער עמוד התורה, איש תם יושב אהלים (כה-כז), יצחק איז געווען דער עמוד העבודה, ויצא יצחק לשוח בשדה (כד-סג), און אברהם אבינו איז געווען דער עמוד החסד פון די וועלט, ויטע אשל בבאר שבע (כא-לג), אכילה שתיה לינה (רש"י כתובות ח:). דאס איז וואס דער אייבערשטער זאגט, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, ווען דו גייסט אוועק פון דעם עולם, איז דא די בחינה פון אלקי אברהם, און אלקי יצחק, און אלקי יעקב. יעדער איז זיך משלים אין א אנדערע בחינה. אבער יכול יהא חותמים בכולן, תלמוד לומר והיה ברכה, אפילו דער וואס קען נישט צוקומען צו תורה און צו עבודה, אבער חותם צו זיין מיט די מדה פון גמילות חסדים, דאס קען זיין ביי יעדן איינעם.

**ביי** א אשה איז דאך נישט דא קיין תורה. די עיקר וואס איר ציל אויף די וועלט איז, ווי מען זאגט אינעם אשת חיל, כפה פרשה לעני וידיה שלחה לאביון (משלי לא-כ), די חסד וואס זי טוט ביי זיך אינדערהיים, אעשה לו עזר כנגדו (בראשית ב-יח), וואס זי ווארט אפ דעם מאן אין שטוב, און זי איז מחנך די קינדער צו תורה און עבודת ה', וואס מען טוט חסד מיט אנדערע, דאס אלעס טוט באגלייטען דעם מענטש אויפן וועג שפעטער.

**די** חשוב'ע נפטרת האט אזוי פיל מיטגעמאכט אין איר לעבן, פון קינדווייז אן האט זי כמעט נישט געהאט א גוטן טאג אין איר לעבן, שווערע זמנים זענען אדורכגעגאנגען אויף איר, אלע זמנים איז זי געווען פארפלאגט. אבער דער אייבערשטער האט איר געגעבן די זכיה, אז זי האט אויפגעשטעלט ערליכע יודישע דורות, קינדער תלמידי חכמים, אייניקלעך וואס פירן זיך על דרכי התורה. טוב ללכת אל בית האבל מלכת אל בית המשתה באשר הוא סוף כל האדם, והחי יתן אל לבו (קהלת ז-ב), דער עיקר תכלית וואס מען קומט זיך צוזאם צו א בית האבל איז, כדי מען זאל זיך מתבונן זיין, אז דאס לעבן פון א מענטש איז פארגענגליך. מיט אפאר וואכן צוריק איז זי נאך געווען געזונט, זי האט נישט געוואוסט אפילו אז עס פעלט איר עפעס, און עס גייט אדורך אפאר טעג, און מען זעהט נאכדעם ווי אזוי עס ענדיגט זיך, גיט עס א התבוננות פארן מענטש, אז קיינער קען נישט וויסן מה יולד יום, וואס דער טאג וועט ברענגען. און א יוד דארף אויסנוצן די צייטן וואס ער האט, אויף תורה און עבודה און גמילות חסדים. דאס איז דער טוב ללכת אל בית האבל, ווייל והחי יתן אל לבו, ווילאנג מען לעבט זאל מען געבן צום הארץ, וויסן אויף וואס מען איז אראפגעקומען אויף דעם עולם, און וואס מען דארף אויפצוטון.

**די** חשוב'ע נפטרת האט איבערגעלאזט ערליכע יודישע דורות. די פליכט פון די קינדער און די אייניקלעך איז, צו געדענקען שטענדיג פון וואס פאר א שטוב מען קומט, און ממשיך זיין דעם וועג ווי אזוי זי האט זיי מחנך געווען, פאר די דורות שפעטער. והלך לפניך צדקך, עס קומט ארויף א אויסגעלייטערטע נשמה, פון אזויפיל וואס מען האט מיטגעמאכט אינעם לעבן. דאס אלעס ווערט נישט פארגעסן, און עס ווערט נישט פארלוירן, אלעס קומט אפיר פארן מענטש, אלעס איז געווען נאר צוצוקומען צו דעם תיקון וואס דער מענטש דארף האבן אויף דעם עולם. זאל מקויים ווערן ביי אונז אלע, ובלע המות לנצח, ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, ונאמר אמן.